# ראַדאָמער-קעלצער לעבען


הײַנט 10 זײַטן.

Radom, dnia 18 grudnia 1931 r.

ראַדאָם, פרײַטאָג ח' טבת תרצ"ב

Redakcja i Administracje

Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרײַז:

אײן מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.

„ „ „ אין „ 60 „

„ „ „ נאָכ'ן „ 25 „

די 1-טע און לעצטע זײַט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען

„ 4 אין טעקסט



א פעהיג אינגעל

צו פּראַקטיצירען אין אַ פאַבריקס ביוראָ װערט געזוכט

מעלדען: Fabryka Cykorji „JAWA“

זיך: Newogrodzka 25

כוס תנחומין לך יהודה רקוץ

לאבידתך הגדולה במות עליך

אביך

צערך=צערנו

מפקדה וקן „בית"ר" רדום.

Two Ochr. Zdr. Ludn. Żyd

„TOZ“ w Radomiu

urządza

w sobotę dn. 19 b. m.

DANCING

z ATRAKCJAMI

w cukierni

p. Przybytniewskiego

Moc niespodzianek.

Wstęp wolny.

הננו מביעים את השתתפותנו בצערו העמוק של חברנו היקר

ליב רקוץ

למות עליו אביו

צערך—צערנו

התזמורת אצל ברית=תרומפלדור ברדום.

— Potrzebna — ZDOLNA BIURALISTKA

pisząca na maszynie

Oferty pod „sumienna“ do Redakcji

דאָס בעוויסטע װאורשטען=געשעפט

רעשקע און שמואל סאַנקעוויטש

מאַכט בעקאַנט

אַז דער װאורשט, בריסט, לעקער און קישקעלעך

װעלכע װערען אויסגעאַרבײַט פון די בעסטע פלײשען

װענען צו בעקומען צו פאלגענדע פרייזען

10 דק. בריסט מיט לעקער 60 גר.

10 „ טריקענעם װאורשט 50 „

10 „ סאַלאַמען — — 50 „

10 „ אָפּשניט — — 40 „

10 „ פרישען װאורשט 30 „

1 פּאָר פּאַרובקעס — — — 12 „

נאָך װאָס װאָלט איהר קױפען און נישט אָפיציעלע געװעלבער דאַן װען איהר בעקומט דאָס בעסטע און רעעלסטע אין דעם דערמאָנטען פּאָפּולערען און אנערקענטען װאורשטען געשעפט.

די פלײשען בעציהען מיר פון דעם איבעראַל בעקאַנטען פלײש-הענדלער

ה' יחיאל ישעי' רוטמאַן אין נישט פון פרעמדע שחיטה

מיט אַכטונג רעשקע=סאַנקיעוויטש

עס װערט געזוכט אַ פעהיגער יונגערמאַן

— — — אויף אַ פּאָסטען פון אַ — — —

מאַגאַזינער איי אַ פאַבריק

אָפערטען אין רעדאַקציע אונטער M. C.

*Przezorna gospodyni domu mówi:*



„I ja muszę oszczędzać, na czem się tylko da, ale nie oszczędzam nigdy na niewłaściwem miejscu. — Oszczędzam z rozwagą: Na przykład: prawdziwe mydło „Kołłontay z pralką“ kosztuje na funcie 15—20 groszy więcej, niż nieznane „tanie“ mydła, ale zato zużywam go o 20% mniej. Oprócz tego jest ono perfumowane, zawiera glicerynę, jest nieopakowane, chroni bieliznę i ręce, a zatem w użyciu jest jednak o wiele tańsze i korzystniejsze! A na to mam gwarancję wielkiej fabryki. — Nie! Ja chcę uniknąć szkody i zmartwienia i zostaję przy mydle „Kołłontay“.

mydło z pralką

Kołłontay

jest lepsze.......

175

Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.

Generał. przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski

DOM KOMISOWY M. CUKIERMAN KIELCE

ul. Sienkiewicza 29, Telefon 455.

פיהרט פון נוטע רוטינירטע פעדאגאגישע כחות. דער אבטאהל איז א מיני-מאלער. איינשרייבונגען קומען פאר יעדען טאג.

# אימפאזאנטע ערעפנונג פון פרויען-פאראיין „וויזא" אין ראדאם.

די פרויען-ארגאניזאציע „וויזא" האט היינטיגען דינסטאג געפייערט א חנוכת-הבית.

אויף דער פייערונג איז געקומען א גרעסערע צאהל פרויען און מיידלעך פון אנגעזעהענע קרייזען אין שטאדט.

ס'זענען אויך געקומען איינגעלאדענע געסט און פארשטעהער פון פערשידענע ארגאניזאציעס.

די פארזיצענדערין פון „וויזא" פרוי דר' לעווין עפענט די פייערליכע פערזאמלונג און עס בעגריסען נאכהער די ה"ה: צוקער אין נאמען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, ה' י. קויפמאן אין נאמען פון קרן-קימת. פרוי לאנדאו (העבדעאיש), ווייסבערג (השומר-הצעיר) רוסמאן סאמעלסאהן (ברית-טרומפעלדאר) ל. פישמאן (נאש-פשעגלאנד) און דעד. הערץ. ה' יחיאל פרענקעל האט צוגעשיקט א בריעף וואו ער בעגריסט די ניי געגרינדעטע פרויען ארג. „וויזא"

דאן נעמט נאך איינמאהל א ווארט פרוי דר. לעווין און רעפערירט אויספיהרליך די צילען און אויפגאבען פון „וויזא" און דערנאך ווערט געשטעלט לכבוד דעם חנוכת-הבית א גלעזעל טייה.

נאך פערברענגען עטליכע שעה מיט געזאנג און טענץ געהט זיך דער עולם פונאנדער ביי א פרעהליכן הוירא אין א געמיטליכע שטימונג.

• • •

אין אייגענעם לאקאל (זגאדנא 10) פון „וויזא" זענען שוין טהעטיג העב-

# ווען די היהנער פגר'ן ווערט מען געוואהר, אז א מענש איז געשטארבן און דער טוידטער קערפער ליגט שוין צוויי וואכן.

א אינטערעסאנטע נעשיכטע האט זיך פערלאפען אין סקארזשיסק.

אויף דער דרילדזשער גאס האט געוואוינט א עמעריטקע אנאלמנה, א געוויסע מאריאנא גזשענדא 66 יאהר אלט. אזוי ווי די אלטיטשקע האט זיך געקליבען צו פאהרען צו איהרע קרובים האבען דעריבער די שכנים נישט נעלעגט קיין אכט וואס מ'האט זי נישט געזעהען שוין עטליכע טעג. ערשט ווען די הויז-ווירטין האט בעמערקט, אז די היהנער. וועלכע די אלטיטשקע האט אזוי געהיטען און געזארגט וועגען זיי פגר'ן אויס פון הונגער אין דעם פערשלאסענעם קעמעריל. ערשט דאן איז איהר די זאך נעווארען אויפפאלענד און צוזאמען מיט אנדערע שכנים האט זי פעסטגעשטעלט, אז דארט אינוועניג אין דער וואהנונג ליגט די אלטיטשקע אויף דער פאדלאגע א מאכטלאזע.

מ'האט גלייך אליארמירט די פאליציי וועלכע האט געעפענט די וואהנונג, אין וועלכער מ'האט געפונען דעם טוידטען קערפער פון דער אלטער גזשענדא אין א צושטאנד פון צופאלענקייט. דאקטוירים האבען פעסטגעשטעלט, אז די אלטיטשקע איז נאך געשטארבען מיט צוויי וואכען צוריק אויף א הארץ שלאג.

אז די אלטיטשקע איז נישט געשטאר בן פון נויט איז שווער צו גלויבען, מחמת פאר דער פאמיליע איז נאך געבליבען א ירושה פון וועקסלען, מזומן-געלד, אנטועכץ, און וועש, וואס די אלטע האט איבערגעלאזט.

# פון „טאז"

## אנטי-טובערקולאז-טעג

פון 1-טען דעצעמבער ביז'ן 10 יאנואר וועלען דויערען די געגען-טובערקולאז-טעג אין גאנצען לאנד, ווי אויך אין ראדאם.

עס וועלען איינגעארדענט ווערען פערשידענע אימפרעזען (בלימעל-טעג, ראנסינגען, פארשטעלונגען) וועלכע דארפען אונטערגעשטיצט ווערען דורך די גאנצע ראדאמער בעפעלקערונג.

• • •

אין צוזאמענהאנג מיט דער אקציע פון קאמפף מיט טובערקולאז ארדענט זיין די געזעלש. „טאז" מארגען שבת-צונאכט'ס דעם 19 אין דער צוקערניע פון פשיביטנ-עווסקי, א דאנסינג.

דעם קאמפף מיט טובערקולאז האט פראקלאמירט דער אלפוילישער געגען-טובערקולאז-פערבאנד. דעם דאזיגען קאמפף מוז פיהרען די גאנצע געזעלשאפט. טובערקולאז שוינט נישט קיינעם און יעדער בירגער מוז נעמען אנטייל אין דאזיגען קאמפף.

# בודזשעט-זיצונג אין דער קהלה

היינטיגען דינסטאג האט דער אלטער קהלה-ראט אפגעהאלטען א זיצונג וואס איז געווען געווידמעט דעם בודזשעט פון יאהר 1932.

אנוועזענד אויף דער זיצונג זענען געוועזען די פרנסים פון אלטען ראט די ה"ה הירש אלי גאלדבלום, מאטיל איינמאן און חיים ניימאן צוזאמען מיט דער איצטיגער גמינע פערוואלטונג. דעם פארזיץ האט געפיהרט ה' גאלדבלום.

די זיצונג איז בעטראכט געווארען דער בודזשעט-פראיעקט פון דער היינטיגער פערוואלטונג לויט דעם פראיעקט זענען די בודזשעט-פאזיציעס כמעט, נאר מיט קליינע אויסנאהמען, אין דער זעלבער הויך וואס די פריהערדיגע בודזשעטען; דער בודזשעט אויפ'ן יאהר 1932 בעטרעפט פארלויפיג בערך 485 טויזענד זל.

צו א חלוקי-דעות איז געקומען צווישען ראט און פערוואלטונג בעת רעם אפשטימען די פענסיעס פון די שוחטים: יצחק מענדעל צוקער, שמריי בערמאן, בינם ליבראך, חיים גוטערמאן שטעון גראמאן, קאפעל פייווישעוויטש און וועלוועל קירשבערג.

די פערוואלטונג האט פערלאנגט דורכאויס אראבצונעמען 40 פראצענט פון די פענסיעס פון די דערמאנטע שוחטים און אז די רעדוקציע זאל געמאכט ווערען לויט דער פענסיע-גרוים פון יאהר 1929. און נישט לויט'ן 30 טען יאהר ווען זיי האבען גענומען גרעסערע פענסיעס אויפ'ן יסוד פון דעם וואס זיי האבען געמאכט א אפמאך מיט דער פריהערדיגער פערוואלטונג.

דער ראט, ספעציעל ה' אייזמאן איז געווען געגען פערקלענערען די פענסיעס דער ענין איז אפגעלעגט געווארען. אויף צומארגענס מיטוואך 5 אזייגער. ווען דער ראט וועט זיך צונויפרעדען מיט די שוחטים און זיך מיט זיי פערשטענדיגען.

GAZOWNIA
MIEJSKA
פערקויפט
הארט און דעטייל
פרעפארירטע סמאלע — קארבאלינעאום
גראבען און דראבנעם קאקס
צו זעהר ביליגע פרייזען
פיהרט אויס
גאז-אינסטאלאציעס אין הויז בעלויכטונג
באד אייוועלעך
קיכלעך צו קאכען
אייוועלעך צו הייצען
ווענדען בעדארף מען זיך
Gazownia Miejska
Młodzianów — Tel. 1134, — Skrz. p. 28.

עס גיבט די גבינע, און חיפיעל ס'צאהלט די שטאדט.

אז אלע פאר וואכן חערים א ויצעקו און מען אלארמירט, אז ס.איז נישטא קיין געלד, ברויך דאך דעד קאמיטעט אליין זיין פעראינטערעסירט און ארויס כאטש איינמאהל מיט אזא אויספיהרליכען דין וחשבון און וויזען דער שטאדט:

— נאט זעהט ווי די ריכטיגע לאגע זעהט אויס אין שיין פון קלארע ציפערען!—

פאר וואס זאל מען אמאהל אויך נישט הערען אג'אפעל אויף אזא שפראך, אויף דער ציפער-שפראך און דוקא בפני כל עם ועדה פאר דער גאנצער יודישער עפענטליכקייט?

איינער.

# קעלצער אפטיילונג.

## די פאלקס-ציילונג אין קעלץ

דער פערגאנגענער מיטוואך'דיגער טאג איז אין אונזער שטאט, ווי איבעראל אין גאנץ פוילען, אדורך אונטערן צייכען פון דער גרויסער פעריאינטערעסירונג אין צוזאמענהאנג מיט די צווייטע אלגעמיינע פאלקס-ציילונג.

א זייגער אכט אין דער פריה, האבען אלע קאמיסארען אין דער צאהל פון 380 אנגעהויבען זייער טעטיגקייט. די אלגעמיינע פאלקס-ציילונג איז אדורך זעהר רוהיג, די באפעלקערונג האט גערן ערטיילט אינפארמאציעס דעם קאמיסאר. קיין איין אינצידענט איז צומאל נישט פערצייכענט געווארען. א שווערען איינדריק אויף דער קעלצער יודישער באפעלקערונג האט ארויסגערופען דער פאקט, וואס אויף 380 קאמיסארען, זענען אויסגעפאלען א נישטיגע צאהל יודישע, קוים 4 קאמיסארען און די אויך בלויז נאר פערטרעטער.

עס האט זיך געהערט ווערטער פון פערדרוס אויף דעם אדרעס, פון דער היגער יודישער קהלה, וועלכע האט זיך אין דער בעפאהרשטעהענדער פאלקס-ציילונג, אקארשט דערמאהנט, בסך הכל פאר עטליכע געציילטע טעג. אין דער צייט ווען די הכנות צום פאלקס-ציילונג דויערען שוין א היבשע צייט און ממילא איז שוין די נויטיגע צאהל קאמיסארען איבערפולט געווארען דורך די קריסטליכע וועלכע האבען זיך אין געגענזאץ צו די יודען. מיט אלאנגע צייט צוריק אנגעהויבען ווידמען דער בעפאהרשטעהענדער פאלקס-ציילונג.

## דער סטאראסטע אפעלירט צו די קעלצער בירגער

דער קיעלצער סטאראסטא ה' בארעמבאלסקי האט אין נאמען פונם הילפסקאמיטעט פאר ארבייטסלאזע ארויסגעגעבען א אויפריף מיט א הייסען אפעל צו די ארטיגע בירגער וועגען קומען מיט הילף די נויטבעדארפטיגע ארבייטסלאזע מאסע. ס'איז צו ערווארטען באלדיגע מעשים פון די קיעלצער איינוואהנער.

## די עגזאמען-קאמיסיע בעשטעטיגט יודישע האנדווערקער

אין די קיעלצער האנדווערקער-קרייזען הערשט גרויס פערביטערונג צוליב די אונטאלעראנטער האנדלונג פון דער קריסטליכע עקזאמען-קאמיסיע, פון דעם בעקער-צעך ביי דער ארטיגער האנדווערקער-קאמער.

ערשט נישט לאנג איז צום עקזאמען געשטאנען דער היגער איינוואהנער סטארשי פון אידישען בעקער-צעך ה' מ.

דער לעצטער, וועלכער איז שוין איבער 40 יאהר בעקער-מייסטער איז דורכגעפאלען ביים עקזאמען. די סיבות זענען פאלגענדע: אנשטאט איהם צו שטעלען פראגען פון דער זאכליכקייט צום עצם פאך, האט די קאמיסיע איהם באשאטען מיט א מבול פראגען, פון פאליטישען נאטור. ווי למשל: ווען קאשצושקא האט געלעבט? זעלבסטפערשטענדליך אז צו אזא „עקזאמען" איז דער 60 יעהריגער „שילער" נישט געווען פארבערייט און די קאמיסיע האנדלענדיג לויט'ן „רעזולטאט" האט איהם אבגעזאגט ארויסצוגעבען דעם דיפלאם צעך. דער האנדווערקער פעראיין איז אויף דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג שארף געגען דעם ארויסגעטרעטען, בעלייגענדיג די עגזאמען-קאמיסיע א שארפען פראטעסט.

## די קויהלען-אקציע פון דער געז. „תומכי-עניים"

די לעצטע צייט האט די פילאנטראפישע אינסטיטוציע א. נ.: „תומכי-עניים" אין קעלץ, זיך פערשאפט א געוויסען קוואנטום קויהלען, וועלכער ווערט צעטיילט צווישען די ארימסטע שיכטען פון דער קעלצער יודישער באפעלקערונג פאר האלבע פרייזען.

## ווידער א כשרות סקאנדאל אין קעלץ

דעם פערגאנגענעם מאנטאג, ווען די פרוי וו. האט געקויפט א גאנז האט זי צו איהר גרויס פערוואונדערונג בעמערקט, אז די גאנז איז נישט קיין געקוילעטע. די זאך איז באלד דערגאנגען צום ראבינאט, וועלכער האט תיכף פערארדענט צו שליסען די האלע-סטראגאנעס וועלכע געהערט צו א כענטשינער עופות-הענדלערין.

עס ווילט זיך נאר פרעגען וואו איז דער שטאב נאמנים?...

## די האנדעלס-קאמער איז סאסנאוויעץ אינטערווענירט אין דער קעלצער וואיעוואודזטווע וועגען דער הערשענדער קאנקורענץ צווישען די סוחרים.

די האנדעלס-קאמער אין סאסנאוויעץ האט זיך לעצטענס געווענדעט צו דער קיעלצער וואיעוואודזטווע וועגען רעגולירען אויף די אונארמאלע און אויסערגעוועהנליכע שווערער קאנקורענץ, וועלכער ס'פיהרען צווישען זיך אונשטראפבאר די סוחרים. ספעציעל פון דער קאלאניאל-שפייז-בראנזשע.

די האנדעלס-קאמער בעט דאס וואיעוואודזטווא אנצונעהמען די געהעריגע מיטלען, כדי צו בעשטראפען די ביזוויליגע קאנקורענטען-סוחרים.

## אויפ'ן ארץ-ישראל באזאר אין קעלץ

### נאטיצען

אין דער צייט פון קריזיס, מאטעריעלער און גייסטיגער דעפרעסיע, איז געוויס געוועזען א געלונגענער איינפאל ווייזען עטוואס הארציגעס, ארץ-ישראל'דיגעס — פעריאגען כאטש אויף א קורצע צייט, די מרה-שחורה-וואלקענס פון די שטערענס, פונם קעלצער יודענטום.

די אויסשטעלונג — בעשיידען — אבער מיט א פיינעם געשמאק צוזאמענגעשטעלט. די אויסשטעלונג האט באמת אין אונזער שטאדט אריינגעבראכט פיעל יום-טוב'יגקייט זי האט פעראינטערעסירט, נישט נאר דעם דעקלארירטען ציוניסט, נאר אויך די מאסע סימפאטיקער, — סתם יודען. עס איז געווען א תענוג-רוחני זיך אדורכצושפאצירען איינעם ביים שימער פון פרעכטיקער זאל-אילומינאציע, דערביי די אויסדריקספולע קיאסקען. און פאווילאנען.

די אויפמערקזאמקייט האט אין דער ערשטער רייהע געצויגען זעלבסטפערשטענדליך, דער קיאסק מיט תוצרת-הארץ. לאנג-לאנג איז דער עולם געשטאנען מיט א קדושה-געפיהל, און געקוקט אויף די עקספאנאטען און נישט רעכענדיג זיך מיט'ן קריזיס, גאנץ נישקשה'דיג געקויפט.

גאנץ שעהן — אריגינעל. איז געווען קבר רחל מזרחי קיאסק גוט סטיליזירט.

אינטערסאנט איז געוועזען דער קיאסק פון קרן-קימת-לישראל און אווי די דיאגראמען, אין פרימיטיווען אבער אריגינעלען אופן, בעקאנט געמאכט דעם עולם מיט פערשידענע וויכטיגע סטאטיסטישע ציפערען, וואס נוגע די איינוואנדערונג, פראצענט-פערהעלטניס פון אידען, אין ארץ-ישראל.

מיט פיעל געשמאק איז אויסגעבויט געווארען די בופעט-נעביידע דורך ה' פיווקא — לאטעריע-פאדיום ווי אויך אנדערע קיאסקען, וועלכע האבען רעקלאמירט פערשידענע לאנד'ס-ארטיקלען. די אויסשטעלונג האט דעם עולם נישט נאר בעלעבט, נאר אויך געוויילט.

פערוויילונג, לאטעריע, ראדיא, מוזיק דאנסינג — (דאס לעצטע שוין א ביסעל צו פיעל) — דאס אלץ האט געגעבען די מעגליכקייט שעה'ן זיך צו ווייל'ען, ווייל'ען זיך, אויף א נאציאנאלער שמחה.

אין אלגעמיין האט די אימפרעזע געהאט ערפאלג אזוי מאראליש ווי מאטעריעל.

אנערקענונג און דאנק האבען כשר פערדינט די אינציאטארען-רעאליזאטארען, פאר זייער איבערגעבענהייט צו דער זאך, די פרויען: שרה ערליך, מינטץ-קאטשקעוויטש, רעמבישעווסקא-זילבער, און אחרון אחרון חביב אונזער הארציגער. סימפאטישער פריילין לאה אורבייטעל. ווי אויך די חברים: גראנדאפעל, פיווקא, אלטער און פרייס.

קיעלץ ל. קאפף.

## בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט דאָס איך האָב נעמענט

— אויף —

פּיעקאַרסקאַ 2 אַ ראזיר-אנשטאלט

וואו עס ווערען אויסגעפיהרט אַלערארט פריזיר אַרבייטען

ווי שערען ראזירען און ד. גל.

| פּרייזען ביליגע | | העפליכע בעדינונג |

באמערקונג: אין מיין אנשטאלט ווערען געפיהרט רעליגיעזע יודען לויט זייער פערלאנג און צופרידענהייט

פרייטאג ווערט געבעטען צו קומען פריהער

**וו. פאגעלמאַן**

## אכטונג ראדאַמער סוחרים!

מיר מאכען אייך אויפמערקזאַם, אז זוי ווי יעדעס יאָהר קויפט אויס

**דער סוחרים - פעראיין האַנדעלס - פּאַטענטען**

פאר גאַנץ קליינע אָפּצאָהלונגען.

סוחרים-פעראיין אין ראדאָם.

## בעקאַנטמאַכונג

די געזעלשאַפט „לינת-הצדק" מאַכט בעקאַנט, דאָס ביי דער ציהונג פון דער פאנטען-לאָטעריע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 4-טען טאָג חנוכה האָבען געוואונען די צוויי זילבערנע קאָמפּלעטען, א גאָלדען זייגערעל און דעם זילבערנעם פּאַרטאַבאַק פאָלגענדע נומערן: 789, 1275, 530, 648, 1346.

די געווינערס ברויכען זיך מעלדען מיט די בילעטען אין לאָקאַל פון „לינת-הצדק" אין פערלויף פון 30 טעג, ד, ה, ביז'ן 8 יאנואר. שפּעטער גהעען די זאַכען איבער צום אייגענטום פון לינת-הצדק.

## אכטונג!

אין צוזאַמענהאַנג מיט די ערהאַלטענע צירקולאַרן פון צענטראַלען פערבאַנד וועגען פּאַטענטען

ווערען געבעטען די מיטגלידער אין זייער אייגענעם אינטערעס צו קומען וועגען גענויע אינפאָרמאַציעס אום אויסמיידען שוועריגקייטען.

יודישער האַנדווערקער-קלוב אין ראדאָם.

Biuro Próśb,
Odwołań i windykacji p. f. **REKORD**

**RADOM, ul. Rwańska Nr. 21** 1 p.

**załatwia następujące sprawy:**

**Podania, skargi i opozycje** do sądów, do władz administracyjnych, wojskowych i do wszystkich urzędów państwowych i komunalnych,
**Odwołania** do urzędów i izb skarbowych, wszelkiego rodzaju umowy i kontrakty, patenty, jak również sprawy paszportowe;
**Windykację** należności otwartych i za protestowanych weksli zarówno miejscowe, jak i z całej Polski.
**Korespondencję** handlową w języku polskim i w obcych językach.

Zakłada buchalterję i sporządza bilanse.

Przepisuje na maszynach wszelkie dokumenty.

**Kino Dźwięk. „CZARY"**

— געהט דאָס בילד —

**RANGO**

און א רייהע הערליכע קלאַנג דראַמעקעס

**Kino „CORSO" Teatr**

ס'ווערט דעמאָנסטרירט דאָס בילד

Ulubienica Floty

**Na Scenie**

10.000 *Złotych nagrody*

Redaktor Ch. M. Herc




## OGŁOSZENIE.

**Zarząd Okręgowego Związku Kupców w Kielcach** podaje niniejszem do wiadomości członków, że w **niedzielę**, dn. **3 stycznia 1932 r.** o godzinie 6 wieczór, w lokalu Związku odbędzie się

### Ogólne Zebranie członków Związku

z następującym porządkiem obrad:

1) Zagajenie i wybór przewodniczącego zebrania,
2) Odczytanie protokułu z poprzedniego Ogólnego Zebrania
3) Sprawozdanie Zarządu i Komisji Rewizyjnej
4) Uchwalenie budżetu Związku,
5) Wybór Władz Związku, Komisji Rewizyjnej i Sądu Rozjem.
6) Wolne Wnioski.

Członkowie Związku otrzymają imienne zaproszenia, które zastępują karty wstępu.
Uprasza się o liczne i punktualne przybycie.

Zarząd Okręgowego Związku Kupców
**w Kielcach.**

## בעקאַנטמאַכונג.

די פערוואלטונג פון קרייז-סוחרים-פעראיין אין קעלץ מאכט בעקאַנט זיינע מיטגלידער, אַז זונטאג דעם 3-טן סטיציען 1932 יאָהר אוייגער 6 אווענד, וועט אין לאָקאַל פון זעלבען פעראיין פאָרקומען

**א אלגעמיינע פערזאַמלונג פון די מיטגלידער**

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג:

1) ערעפנונג און וועהלען א פּאָרזיצענדען פון דער פערזאַמלונג
2) פאָרליינען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פריהערדיגער פערזאַמלונג
3) בעריכט פון דער פערוואלטונג און רעוויזיאָנ'ס-קאָמיסיע 4) אָננעמען דעם בודזשעט פון פעראיין 5) וועהלען א פעראיין-לייטונג רעוויזיאָנס קאָמיסיע און שיעד'ס-געריכט 6) פרייע פאָרשלאַגען.

די מיטגלידער פון פעראיין דערהאלטען נאָמענטליכע איינלאדונגען, וועלכע פערטרעטען די איינטריט'ס-קאַרטען.

ס'ווערט געבעטען צו קומען מאַסענווייז און פּינקטליך.

די פערוואלטונג פון קרייז-סוחרים-פעראיין אין קעלץ.

## בעקאַנטמאַכונג.

דער סוחרים-פעראיין מאַכט בעקאַנט אז דעם 27 ד. ח. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל לובלינער 18 אום 7 אז.

**א יערליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג**

מיט פאָלגענדער טאָגעס אָרדנונג:

1) ערעפנונג
2) וועהלען א פּאָרזיצענדען אויף דער פערזאַמלונג,
3) בעריכט פון פערוואַלטונג
4) קאַסע בעריכט
5) בעשטימען א בודזשעט פאר'ן יאָר 1932
6) וועהלען פערוואַלטונג'ס-מיטגלידער און 3 פערטרעטער
7) וועהלען 4 פערוואַלטונג'ס-מיטגלידער און 3 פערטרעטער
8) וועהלען 4 מיטגלידער פאר'ן שידס-געריכט
9) וועהלען 3 מיטגלידער פאר דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע און 2 מיטגלידער
10) פרייע פאָרשלאַגען

Druk Wyd. „Radomer-Kielcer Leben, Radom, Szwarlikowska 20